ק. צעטניק/ תל־אביב

# AUF WIEDERSEHN

ווער האָט דיך באַשאַפֿן, אײַכמאַן?
אוי, ווי גרויס ביסטו, באַשאַפֿער פֿון מענטש,
גרעסער פֿון מײַן ווערטער־פֿאַרמעג אין מויל.

ביסט געשטאַנען, אײַכמאַן, אין סוף פֿון דײַן רגע,
די פעטליע אַרום דײַן האַלדז, און דו האָסט געזאָגט,
האָסט געזאָגט: בקרובֿ וועלן מיר זיך זען — —

און איך בין געשטאַנען, אויג־אויף־אויג, אַנטקעגן דיר, אין קאַטאָוויץ.
אין מיר האָסטו געזען מיליאָנען,
נאָר איך בין געוועזן אַליין, בלויז מײַן נאַקעט לײַב־און־לעבן.

און דו ביסט געשטאַנען, אויג־אויף־אויג, אַנטקעגן מיר אין ירושלים,
די פעטליע אַרום דײַן האַלדז.
אין דיר האָב איך געזען די מיליאָנען,
נאָר דו ביסט געוועזן אַליין, בלויז דײַן נאַקעט לײַב־און־לעבן.

אײַכמאַן, מײַן ברודער, בקרובֿ וועלן מיר זיך זען.

אַ שטיינדל אויף נינאָס מצבֿה.